פּראמעטעוּס

א דראמאטישע פאעמע

פון אלטער קאציזנע — —

129

PROMETEUSZ

poemat dramatyczny.

napisał: Ałter Kacyzne.

אַלע רעכֿט צום איִבערזעצן,
איִבערדרוקן און אויסשטעלן
פֿאַרהאַלט דער אויטאָר פֿאַר זיִך.

פרעלודיאום–פֿון יוסף זיידענבייטל.

(גלגלתא.
ניִשט טאָג, ניִשט נאַכט, א גרויער בין-השמשות.
אויף דריי נישט גלייכע צלמים דריי געקרייצטע הענגען.
צופוסנס פון די צלמים וואַפּנטרעגער פיר,
זיי וואַרפן גורל אויף א רויט פאַרשפּרייטן מאַנטל,
פון באַרג צופוסן, איינגעהילט אין גרויען,
אין איבערפלוס פון פיין, דריי שטומע קניען פרויען).

ערשטער וואָפּנטרעגער

דער גורל פאַלט ניִשט אויס! דעם טייוולס כישוף!
נאָך לאַנגער מיה מיר שטעהען גלייך אויף גלייך...

צווייטער

נו, וואַרף די שטיינער, האַלט ניִשט לאַנג קיין ישוב,
דער מאַנטל בלייבט ביי מיר אָדער ביי אייך!

דריטער

און אפשר לאָמיר איהם אין פירן שפּאַלטן
און מאַכן צו דער ווילדער שפּיל אַן עק?

פערטער

דער שטן ערגעץ מוז זיך דאָ באַהאַלטן;
איך וואַרף די שטיינער און מיך וואַרפט אין שרעק.

ערשטער

נו, שפּיל שוין, שפּיל שוין, לעבעדיק און פלייסיק,
פאַרשפּיל, געווין, אַבי צוברעך דעם קרייז!

צווייטער

עלף... דרייצן... זיבן—גלייכע איינאונדרייסיק.

דריטער

ס'איז ווידער שלים!

פערטער

הויבט אָן איבער־אַ־נייס...

געקרייצטער פון רעכטס

כאַ־כאַ־כאַ־כאַ, שלים־מזל'דיקע שפּילער!
די שטיינער וואַרפט מען מיט דער לינקער האַנט!

געקרייצטער פון לינקס

נישט דיין געשעפט! דו הענג אַביסעל שטילער,
מיר האָבן שוין פאַרשפּילט דאָס רויט געוואַנט...

געקרייצטער פון רעכטס

געקרייצטער האַר, וואו זיינען דיינע גבורות?
דו זעה: מען וואַרפט אַ גורל אויף דיין קלייד,
מיט שוים ביים מויל, מיט אויסגעקרימטע צורות.
דיין לעצטע שאַנד דעם טייוול איז צו פרייד!
געקרייצטער האַר,—דו ביזט דאָך אַ בעל־מופת,—
ווי לאַנג דער שיעור איז ליידן שאַנד און שפּאָט?
איך בין אַ פּראָסטער מענש, איך בין נישט תופס

דיין שטומען ליידן, אויב דו ביזט אַ גאָט.
און אויב דו ביזט אַ גאָט,—באַפרייַ אונז אַלע,
דער טויט זאָל אונז נישט טרעפן פאר דער צייט;
מיר וועלן די באַוואָפנטע באַפאַלן
און מיט געווער אין האַנט אַנטרינען ווייט.
אָ, מיט געווער אין האַנט מיר וועלן פועלן,
מיר וועלן אויספירן דעם מינדעסטן באַגעהר;
פאַר אונז די געגנט ווייט וועט אַרום גרוילן,
ווייל אונזער טריט לאָזט איבער וויסט און לעהר.
געקרייצטער האַר, איך טרייב נישט קיין קאַטאָוועס,
דעם וואָרט פון אַ געקרייצטן גזלן גלויב:
צו וואָס, איך מיין, זיך איילן צו די אבות,
ווען כ׳וויס נאָך טויזנט ערטאַלאַך פון רויב?

געקרייצטער פון לינקס

אַנשוויגן ווער, דו, הונט מיט שאַרפע ציין!
נאָך ווייניק אָנגעזויפט דיין הונגעריקן מאָגן
מיט אומשולדיקן בלוט פון גרויס און קליין?
געזינדיקט לאַנג; איצט קאָן דיין פסק פאַרטראָגן!

געקרייצטער פון רעכטס

דו קוק נאָר אָן! צורעדט זיך דער שלים-מזל!
גלייך ער אַליין איז זויבער ווי אַ טויב.
צו נישט בשותפות האָבן מיר געגזל׳ט?
צו נישט לחצאין איינגעטיילט דאָס רויב?
און קאָנסטו די מלאכה דען נישט בעסער
פון מיר און פון אַ צווייטן אונזער גראַד?
זאָג הונט, באמת, וויפיל מאָל דיין מעסער
האָסטו באַפלעקט אין מענשען-בלוט געהאַט?

געקרייצטער פֿון לינקס

וואָס וואָהר איז וואָהר. איך האָב אַ צענדליק פּיר
נשמות אויף מיין בלוטיקן געוויסן.
דער אויבערשטער דאָך קוילעט אָהן אַ שיעור,
און דאָך מיט איהם אַ וועלט האָט נישט צוריסן.
מסתם איז ער אַ גאָט; ער וועט פאַרשטעהן
ווען כ׳פאַל מיט אַ געבעט צו זיינע שטאַפל...
איך בין אַ מאָל געליימט געבליבן שטעהן
פאַר אָפענע צוויי קינדישע שוואַרצאַפל,
ווען איבער זיי מיין מעסער האָט געשטרעקט.
זיך צוגעקוקט און אָפּגעווענדט דאָס מעסער;
ביים גזלן האָט דאָס רחמים זיך דערוועקט.
וועט גאָטס גענאָד נישט זיין פון גזלנ׳ס גרעסער?
ווי זאָגסטו, האַר, מיין האָפן איז אומזיסט?
און האָט אַ גזלן רעכט אַזוי צו האָפן?

מיטלסטער געקרייצטער

אָ, מענש פון פיין! פאַרבלייבן וועט געוויס
פאַר דעם בעל תשובה דער גן עדן אָפן!

געקרייצטער פֿון לינקס

איך הער דיין וואָרט,—מיך נעהמט אַרום אַ גרויל
פאַר אלע בייזע מעשים פון מיין לעבן.
דו זעהסט דאָך מיין נשמה נאַקעט־הויל!..
אָ, ווען דעם רשע פרייהייט ווערט געגעבן!
צובראָכן וואָלט ער מעסער דאַן און שפּיז,
וואַרשטאַנען רעכט אַ מענשנס לעבן שוינען;
דערנעהרט זיך קאַרג, אַבי פון וואָס עס איז,
ביים ווינקל בי המקדש פאָרכטיק שטוינען,

צופריִדן זיין מיִט דעם, וואָס איינער וואַרפט,
ווי פאַר אַ הונט, צו גאָר פאַר אַ מצרע,
אומזיִסט דער טייוועל וואָלט די ציין געשאַרפט
צו ברענגען איִהם צוריִק צו אַן עברה.

געקרייצטער פֿון רעכֿטס

אַ הונט פאַרבלייבט אַ הונט מיִט קנייטש און מיִנע.
טפו, הונט, איִך שפיי אויף דיִר פון קרייץ אַראָפּ!
מיין קרייץ איִז העכער, זעה און פּלאַץ פאַר קנאה.
און וויִלסטו זיִדלען זיִך—פאַררייס דעם קאָפּ.
טפו, הונט, איִך שפיי אויף דיִר מיִט האַס און שנאה.

געקרייצטער פֿון ליִנקס

קוק אָן אַ כעס! עס פּלאַצט אויף איִהם דאָס הויט!
פון אַלע וואונדן רויטע שניִרלאַך רינען...

געקרייצטער פֿון רעכֿטס

מיין קרייץ איִז העכֿער פאַר דיין קאָפּ געבוים;
איִך שפיי אויף דיִר!

געקרייצטער פֿון ליִנקס

דיין שפיי האָט מיִך געמיִטן,
דו הענגסט געקרייצט איִן איינעם מיִט דיין כעס.
און ס׳טרעפט דיין שפיי אויף דעם, וואָס הענגט איִן מיִטן;
קוק אָן: ביי איִהם דאָס גאַנצע פנים נאַס!
געקרייצטער האַר, באַשפּיִגן איִז דיין פנים!
אַ דונער זאָל צושמעטערן דאָס לאַנד,
וואו ס׳הענגט אַ גאָט געקרייצט מיִט צוויי גזלנים,
איִך, גזלן, קאָן ניִשט צוקוקן דיין שאַנד.
אָ, ווען צום קרייץ מיין גוף איִז ניִשט געבונדן,—

דעם רשע דאַן צופליק איך מיט די ציין!
אוי וועה! אַ שרעק, ווי ס׳שמאַרצן מיינע וואונדן!
איך האָב פאַר כעס צובלוטיקט זיך אַליין.

ערשטער וואָפּנטרעגער

עי, שטילער דאָרט! אַן איינפאַל, אַ בעלנות
פון האַלבע מתים אָנפירן אַ קריג!

צווייטער

אַ מאָדנע פאָלק די אידן, בנאמנות,
נישטאָ פאַר זיי קיין תּליה און קיין שטריק.

דריטער

דער תּנא, דער, מיט זיי אַ גאַנצער ברודער;
אַן אַנטייל אין גערודער נעהמט ער אויך.

פערטער

ווי שעמסטו דיך נישט, „קעניג פון יהודה״?
באַליידיקסט דאָך דיין אויפשריפט אין דער הויך!

ערשטער

נו, זאָלן זיי, די מתים זיך דאָרט רייסן
און מיר וועלן זיך קעהרן צו דער שפיל.

צווייטער

עלף... דרייצן... טפו!

דריטער

דער טייוול טהוט זיך פלייסן...

פּערטער

די האָר קאַפּויער שטעלן זיך, איך פיל!

געקרייצטער פון רעכטס

אוי... אוי... די ביינער ווערן מיר צוּבראָכן!
דאָס האַרץ מיר ווערט אין גי-הינום-פלאַם פאַרברענט...
נו וואָס דאָרט מאַכט עפּעס מיין פרומער שכן?
ער הענגט, ווי איך, געקרייצט די דאַרע הענט;
ער האָט אַ דינעם האַלז, אַ קאָפּ אַ שווערן,
און הויט און ביינער... מאָגער ווי אַ ברעט;
און רויטע טראָפּנס טריפן פון זיין שטערן...
אוי, שווער איז פון על-חטא צו ווערן פעט!

געקרייצטער פון לינקס

לאָז אָפּ... אנשטום... ווי ליימט דיר נישט די צונג?
לאָז הענגען שטיל, פיל ס'איז באַשערט צו הענגען
און שטאַרבן מיט אַ תחלית... נאָר אַ טרונק!
געוואַלט, אַ טרונק ווען עמיצער זאָל ברענגען!

געקרייצטער פון רעכטס

עי, חברה שפילער! מפסיק זייט אין שפּיל
און גיט אַ שלוק, דעם גומען צו באַנעצן!
אין לאַנד עס פליסן קוואַלן אַזוי פיל!
אונז קומט אַ טרונק לויט רוימישע געזעצן!

געקרייצטער פון לינקס

זיי הערן נישט, אין ווילדער שפּיל פאַרטאָן...
דעם רויטן מאַנטל גלוסט זיך זיי געווינען.
קוק אָן! דער טייוול טאַנצט מיט זיי אין קאָן!
קוק אָן! זיי זיינען אַלע נישט ביים זינען!

מיטלסטער געקרייצטער

עס דאַרשט מיך!

געקרייצטער פֿון לינקס

וועה, ווי ציטעריק זיין שטים!
די ליפּן שוואַרץ; די אויגען פול מיט טרערן...
זיין וואָרט איז וואָרט...

געקרייצטער פֿון רעכטס

זיי וועגדן זיך צו איהם,
אַ האַר בלייבט האַר; איהם וועלן זיי דערהערן.
מיר שרייען אויך. עס דאַרשט!

געקרייצטער פֿון לינקס

איך ווער פֿאַרברענט!

ערשטער וואָפֿנטרעגער

האַלט אָפּ די שפּיל; די מתים ווילן זויפן.

צווייטער

ווייזט אויס די גיכע מיתה שוין גענעהנט.

דריטער

פיר אָן די שפּיל... זיי וועלן נישט אַנטלויפן...

פערטער

מיר דוכט, ביי אונז איז וויין־עסיק פֿאַרהאַן...

ערשטער

איז וואָס? דען ווילסטו געבן זיי צו לעקן?

צווייטער

כֿאַ–כאַ–כֿאַ–כֿאַ! אַן אויסדערוועהלטער פּלאַן!

דריטער

פאַר וואָס דען נישט? די משקה וועט זיי שמעקן.

פֿערטער

אָט איז די קאַן!

ערשטער

שטעק אָן די שוואָם אָן שפּיז
און טונק זי איין. איצט וועל איך זיי דערלאַננען.
נו, חברה־לייט! פון אייך ווער דורשטיק איז,
און ווער פון אייך דער ערשטער איז געהאַנגען?
צו דעם די בכורה קומט.

געקרייצטער פון לינקס

דאָס איז דער האַר;
דער מנהג פאָדערט כבוד פאַרן לערער.

ערשטער וואָפנטרעגער

ער זאָגט זיך אָפּ.

געקרייצטער פון רעכטס

איהם קומט אַ דאַנק דערפאַר;
דער רבי פאַסט—תלמידים האָבן מעהרער.
גיב מיר אַ שלוק... עס מונטערט און עס שמאַרצט...
אַ וואוילע משקה פאַר דעם שווער געפּרוווטן...

געקרייצטער פֿון לינקס

זאָגט, ליבע לייט, ווען פלאַצן וועט דאָס האַרץ
נאָך מאַטערניש פון הענגען אין דער לופטן?

ערשטער וואָפּנטרעגער

דו האָסט נישט לאַנג צו וואַרטן, וואוילער יונג,
דער שוואַרצער מלאך קוקט דיר שוין אין רוקן...

צווייטער וואָפּנטרעגער

און האַלט עס, חברה, ווירקליך ביי דעם טרונק—
מיר נעמען אויך אַ צוויי=דריי רעכטע שלוקן.

דריטער

מיר זיינען פאַרן צעסאַר אַלע גלייך,
מיט אייך מיר קאָנען אויסטרינקען „למות“.

פערטער

איהר זייט צום קרייץ געשמידט, און מיר צו אייך.
נו, רוהיג שטאַרבט און גריסט דאָרט אַלע אבות!

ערשטער

איך שיק דורך אייך אויף יענער וועלט אַ גרוס
צו די, וואָס פון מיין שווערד זיינען געפאַלן.
כ׳געדענק נישט ביי די נעמען, אַ פאַרדרוס!
נו, וואָס געוועזן ביז איצט איז שוין פאַרפאַלן...
כ׳וועל ווייטער קליגער זיין...

געקרייצטער פֿון רעכטס

אָ העלדן דריי,
ווי שעהן איהר זייט, פון שכיל און טרונק צורייצטע!

כ׳פאַרשטעה נאָר ניִשט, פאַר וואָס אייך דיִנט די פריי,
ווען אייער גלייכֿן העגגען דאָ געקרייצטע.
דען וועניִק זיִנד אויף אייער קאָפּ געפאַלט?
דען וועניִק מענשן אייער שווערד פאַרטיִליִקט?

ערשטער וואָפּנטרעגער

נו, מיִר זיינען ביים צעסאַר אויף געהאַלט;
פון אונז ביִז אייך איִז דאָך אַ גרויסער חילוק.

צווייטער

ס׳איִז וואויל צו דעם, וואָס שעכט און בלייבט גערעכט;
און וועה צו דעם, וואָס איִהם פאַרראַט זיין מעסער;

דריִטער

נו, חברה, טריִנקט, פאַר גזלה און געפעכט!

פֿערטער

פאַר זיִנד און שטראָף!

אַלע וואָפּנטרעגער

זאָל לעבען איִנזער צעסאַר!

מיִטלסטער געקרייצטער

פאַרגיִב זיי, גאָט! זיי ווייסן ניִשט דיין וועג;
דו טוסט איִהם נאָר פאַר זעלטענע פאַרטרויען!..

ערשטער וואָפּנטרעגער

אָ, ברידער פון געווער! צו וואָס, איִך פרעג,
ערלויבט איִהר שטעהן און קניִען יענע פרויען?

צווייטער

עי, ווייבער דריי! צו בלייבן איז פּאַרוועדט,
איהר מאַכט ניט גרינגער זיי מיט אייער קלאָגן!

דריטער

אַ מאָדנע פאַלק! כ'האָב פריהער דאָ געהערט,
אז אַלע דריי דעם נאָמען מרים טראָגן.

פערטער

עי, מרימס דריי! שוין צייט אַהיים צו געהן!
ווי לאַנג דער שיעור? עס קלייבט זיך אויף אַ שטורעם.

ערשטער

איך קאָן די ווייבער, פאַלשע אין געוויין,
זיי לויפן גערן, בייצוזיין יסורים.

צווייטער

די ווייבער ליבן פיינקונג און זנות.

דריטער

די בעסטע זינדיקן צוליב חרטה.

פערטער

אָהאָ, איך קאָן זיי! שטרעק זיי נאָר אַ פוס,
פאַרזינקטו ביז די אויערן אין בלאָטע!

. . . .

ערשטע מרים

אָ, שוועסטער, שוועסטער, וואָס איז דאָ געשעהן?
פאַר וואָס איז פינסטער אויף דער וועלט געוואָרן?

צווייט׳ע מרים

מיר האָבן גאָט אין גרויסן צער געזעהן
און באַלד אַנטפּלעקט ער זיך אין גרעסטן צאָרן.

דריטע מרים

עס קומט די שעה, די ערד אין פּיין פאַרגעהט;
און מיר, די כּלות, מוטערס און די שוועסטער,
וואָס האָבן אונזער האַר צום קרייץ באַגלייט,
מיט זיך, אין זיך פאַרטראָגן מיר דאָס לעסטער!

ערשטע מרים

די מוטער חוה האָט דאָס בייז נעבראַכט.
פאַרפלוכט, פאַרדאָרבן הוה׳ס טראַכט זאָל ווערן,
וואָס טראָגט דער צוקונפטס קערן און די מאַכט!
ניש מעהר די פרוי קיין קינדער זאָל געבערן!

צווייטע מרים

מיר וועלן געהן זיך אָפּשניידן די בריסטן,
דער נס פון שאַפן ווערן זאָל צושטערט;
דער וולד זאָל אויסריינען פון טראַכט פאַרוויסטן
און אַן עקרה בלייבן זאָל די ערד.

דריטע מרים

מיר וועלן געהן אין אַלע וויסטע נעסטער,
וואו נאָר די שאַנד באַגרעבעניש געפינט.
אַ שטורם באַלד זאָל אויכבּרעכן דער גרעסטער!
אַ מבול בלוט זאָל אָפּשווענקען די זינד!

אַלע דריי מרים׳ס

מיר וועלן געהן, פון וועלט פאַרגעהן, אָ, שוועסטער!

(די פרויען שטעהען אויף און געהען אָפּ.
אויף דער גלגלתא שטייגט ארויף דער שטן;
צום קרייץ דעם מיטלסטען דערהויבט זיין קאָפּ,
זיין פּוס דעם נביא׳ס מאנטל האָט באטראָטן. —
א שוארצער פעלז אין דעטערונג דעם גרויען.
די וואָפּנטרעגער שפּעטן נאָך די פרויען).

ערשטער

כַאַ–כַאַ–כאַ–כַאַ! איצט האָבן זיי חרטה!

צווייטער

אַליין געשלעפּט די מאַנסבילן אין בעט...

דריטער

זאָל זיין וואָס ס׳איז, אַבי מיר זיינען פּטור!

פערטער

נו, חברה, שפּילט, כל זמן עס איז נישט שפּעט...

(די וואָפּנטרעגער קעהרען צו דער שפּיל.
דערזעהן דאָס פינסטערע געשטאַלט פון שטן,
זיי ברעכן אויס אן אימיקן געבריל
און ווי די פויגל ווערן זיי צושאָטן.
עס ווערט אויף דער גלגלתא טונקעל־שטיל.
דער שטן הויבט דעם מאַנטל אויף, באטראַכט
און לאַכט).

שטן

דיין מלכות־קלייד, די רויטע הילע דיינע!
דו האסט אין גלאַנץ געריטן דורך דער שטאָט.
דאָס פאָלק אַרום האָט ווילד געשאַלט: הושע־נא!
זיך טויט־געשלאָגן, שפּאַרנדיק צו גאָט.
אַ גאָט אויף ד׳ר׳ערד! מען מוז איהם דאָך באַטאַפּן,
כאָטש אָנריהרן דעם פּורפּור פון זיין קלייד...
און, אפשר, ביי אַ גרייז אין פּסוק כאַפּן,
אויב ס׳איז נאָר קודש, וואָס אין פּסוק שטעהט.
אַ גאָט ביים פאָלק! קיין לעכערליכס מען דאַרף ניִשט,
ווי אָנקוקן אַ גאָט אין מיטן מאַרק!
איך האָב געזאָגט: אין זומפּ קיין זוימען וואַרף ניִשט.
נו, ווייז אַ נס, פאַרבלייב אויך איצטער שטאַרק!
דיין לעצטער וועג פאַרשליידערט איז מיט שטיינער;
דער נאָמען פון איש קריות—לעגיאָן.
ביים וויסטן באַרג, חוץ מיך און ווינט איז קיינער
און דו פאַרנעהמסט דעם שעהנעם אויבן־אָן.
די שומרים—זיך צופלויגן ווי די טויבן.
תּלמידים—פאַר דעם בית־דין שטעלען פּיס.
דיין רויטע קלייד פון שטויב האָב איך דערהויבן
און איך וועל זי שוין ירש׳ענען געוויס.

מיטלסטער געקרייצטער

אָ שטן, שטן, ווער האָט דיר געבראַכט
די בשורה פון מיין ביטערן נסיון?

שטן

דער ווינט אין וויסטן פעלד האָט זיך צולאַכט,
געפלאַפּלט האָבן פליהענדיק די קראָהען...

איך האָב פאַרקערט פון וויטן מיין שפּאַציר,
צו טרעפן דיך אין שעה פון דיינע ליידן,
נישט אָפּשפּעטן, נישט לעסטערן אין דיר;
נאָר איצט געקומען איז די צייט צו ריידן.

מיטלסטער געקרייצטער

אָ, שטן, שטן, וואָס איז דיין באַגעהר?
איך האָב נאָך קראַפט, אום בייצושטעהן דיין גבורה.
אויב דיר פאַרצעהלט האָט פון מיין צווייפלונג ווער,—
פריציייטיק איז און פאַלש געווען די בשורה.
איך האָב מיך צווישן גאָט און פאָלק געשטעלט,
דעם בעכער ליידן פאָרכטיק נישט געמיטן;
איך האָב געטראָגן ליבשאַפט פאַר דער וועלט
און גערן פאַר איהר אויסלייזונג געליטען.
און איך—בן אדם, זיגער בין אַרויס;
איך זיג דיך דורך דעם בלוט פון מיינע וואונדן...

שטן

איך ווייס, דיין מיינונג וועגן זיך איז גרויס,
און שוין דורך דעם צו מיר ביסטו געבונדן.
אין זיכערקייט און דרייסט מיר שטעהן גלייך
און אויג אויף אויג מיט דעם, וואָס קיניגט אויבן...
געדענקסטו נאָך דאָס גרויסע קעניגרייך,
ווען כ'האָב פאַר דיר דעם פאָרהאַנג־ברעג דערהויבן?
דו האָסט געבליקט צום לאַנד פון זון און גאָלד
און שטאָלץ געזאָגט: אַוועק פון מיר, דו שטן!
דו האָסט אפילו הערן נישט געוואָלט,
ווען כ'האָב מיט טויזנט רעיות דיך פאַרשאָטן.
איצט בליק צו מערב־לאַנד, דו הענגסט דאָך הויך,
דאָס מזל וויל, זאָלסט זעהן אַ ווייטען שטח,

און וואָס דיין בליק פאַנגט אויף, פאַרצעהל מיר אויך;
און פאַר דער טרחה אום פאַרצייאונג בעט איך.

מיטלסטער געקרייצטער

איך זעה... איך זעה... דער מערב זיך צובליהט;
פון גאָלד געפלאַסטערט, שטאָט נאָך שטאָט זיך פורימט;
און איבער זיי אַ רויטער הימל גליהט,
פון דעכער גאָלדן־שפיציקע געשטורימט.
אָ, שטי, שטן, קאַרג איז דיין פאַרנעהם,
דו קאָנסט נאָך זינגען אָפּגעקלאָגטע לידער!
איך פאָרש די ווייט, אָהן ציטער פון קיין ברעם:
דיין אַלטע קעניגרייך דו צייגסט מיר ווידער...

שטן

אַזוי? און אויף די דעכער אין דער הויך,
וואָס ווילן דאָרט דעם הימל־גלוט פאַרפלייצן,
צו זעהסטו נישט אַזוינס, וואָס עפעס אויך
דערמאָנען זאָל אָן דיר?

מיטלסטער געקרייצטער

איך זעה דאָרט קרייצן!
פון וואַנען קומען קרייצן אין דיין לאַנד?

שטן

אַזוי? כאַ־כאַ! ס'איז אַ גערעכטע טענה...
אַ קוק, בן־אדם, קוק צום הימל־ראַנד:
די קעניגרייך פון עק ביז עק איז דיינע!
איצט הערן מוזטו, גואל פון דער וועלט!
איצט גלויבן מוזטו, קעניג נישט פון דאַנען!
איך האָב דיך פאַר דיין גאולה־ביזלד געשטעלט,

אַביסל שפּעטליך, דאָך האָסטו פאַרשטאַנען.
דו ביזט געקרייצט, בן־אדם, ביזט געקרייצט,
פון היינט אויף אייביק און אויף אַלע דורות!
פון אויבן וועסטו זעהן, ווי ס׳ווערט פאַרפלייצט
אַ גאַנצע וועלט מיט סדום׳ען און עמורה׳ס.
וואָס קאָן דען העלפן אַ געקרייצטער גאָט,
אין וועמעס נאָמען ס׳ווערט די זנות ...ע ריבן?
קוק אָן די אַלע דעכער פון דער שטאָט:—
קיין איינציקער שוין אָהן דיין קרייץ פאַרבליבן!
דו הענגכט געקרייצט אויף יעדן הוילן ברוסט,
דו הענגסט געקרייצט ביים שייד־וועג, אויף די ראָגן,
און צעהן מאָל טויזנט אויפלעבן דו מוזט
און צעהן מאָל טויזנט פייניקונג פאַרטראָגן.
קוק אָן! פון שייטערס וויקלט זיך אַ רויך,
מיט שאַל דאָרט ברענט מען לעבעדיקע מענשן;
און דיך, בן אדם, הויבט מען צו דער הויך,
זאָלסט בעסער זעהן דעם רויטן גרויל צו בענשן.
קוק אָן! פון טיר און טויערן געשלעפט,
מען שעכט אין גאַס די אומשולדיקע קינדער;
באַשפריצט אין בלוט, דיין גוף אין לופטן שוועבט,
געהאַלטן הויך, געטראָגן פון די זינדער.
אויף שוויס און מיה, אויף אומגליק און געפאַר,—
קוק אָן—דאָרט קויפט מען מענשן, ווי בהמות!
און, ווען זיי שווערן טרייהייט זייער האַר,
ביזטו דער עדות, גרויסער בעל־חלומות!
דאָרט מחנות, מחנות ריהרן זיך אין שלאַכט,
די ערד ווערט פול מיט קללות און מיט חרמות;
און יעדע מחנה האָט מיט זיך געבראַכט
דיך אויף דיין קרייץ, צו בענשן די מלחמות.
ס׳איז נאָך נישט אלץ; פאַרוואָהרלאָזטע אין שטאָט,

ביים קרייך דאָרט קניִען גנב און נקבה;
זיִ בעט אויף קונים ביים געקרייצטן גאָט,
און ער, ער בעט צו בענשן זיין גנבה.
און פרעגט דער בענקער, צאַנקענדיק איִן באַנג:
— אָ, ווען שוין, ווען וועט קומען דער ערלייזער?
— ער איִז שוין דאָ! געקומען שוין פון לאַנג!
איִהם ענטפערט אָפּ דיין פריִסטער מיִט געבייזער.
איִך זעה, איִך וויים, דיין וואונד האָב איִך צורייצט,
מיין שפּיִז צו טיִף צום אָדער דיִר געלאָזען,
דאָך וואָהר בלייבט וואָהר. בן־אדם, ביִזט געקרייצט!

מיִטלסטער געקרייצטער

אָ, גאָט מיין גאָט, וואָס האָסטו מיִך פאַרלאָזן!

שטן

אַזוי? אָט הער איִך אָנגענעהמע רייד;
אַזוי באַדאַרף צו קלאָגן דער אַנטוישטער...

געקרייצטער פון ליִנקס

איִך לעב נאָך אַלץ. איִך הענג מיִר שטיִלערהייד
און טעם קוים, פון עסיִק אַ באַרוישטער.

געקרייצטער פון רעכטס

דו לעבסט נאָך, הונט? און איִך האָב וועסט געמיינט
דו זיִצט שוין מיִטן רבי׳ן איִן גן־עדן;
איִך האָב פאַר קנאה שיִער מיִך ניִשט צווויינס.

געקרייצטער עון ליִנקס

אוודאי, זעה, מען וואַרט דאָרט אויף אונז ביידן...
אוי, שווער צו שטאַרבן מיִט אַזוי פיִל זיִנד,

דער רוח וויל דעם קערפּער נישט פאַרלאָזן!

געקרייצטער פון רעכטס

און שווער צו וואַרטן! הער נאָר ווי דער ווינט
אַרום דעם וויסטן באַרג האָט זיך צובלאָזן!

געקרייצטער פון לינקס

און וואָלקנס, וואָלקנס נידערן אַראָפּ,
ווי בערג מיט זינד, צו דריקן מיין געוויסן

געקרייצטער פון רעכטס

אוי וועה! דער הימל פאַלט אויף אונזער קאָפּ.
געוואַלד!

געקרייצטער פון לינקס

וואָס איז?

געקרייצטער פון רעכטס

דער הימל ווערט צוריסן!

געקרייצטער פון לינקס

ס'האָט נאָר געבליצט...

געקרייצטער פון רעכטס

געוואַלד! !

געקרייצטער פון לינקס

אַ צווייטער בליץ..

געקרייצטער פון רעכטס

געוואַלד !

געקרייצטער פֿון לינקס.

נישט שריי!

געקרייצטער פֿון רעכטס

עס עפענען זיך תהומען!
איך זעה זיי טיף פון הויכן בערגל־שפּיץ,
איך זעה אין זיי דעם תהום פון מיין נשמה!
געוואַלד! געוואַלד! כ׳וועל שרייען גאָר אָהן ענד,
כ׳וועל רייסן, בייסן, ברעכן זיך און בויגן!
אָ, טייוול, קום, באַפריי מיר מיינע הענט,
איך זאָל מיך קאָנען אויספּליקן די אויגן!
געוואַלד!! געוואַלד!!

מיטלסטער געקרייצטער.

אָ, פאָטער, הער זיך צו,
דיין בלינדע קינד איז זעהעוודיק געוואָרן!
פאַרגיב איהם גאָט, פאַרגיב און שענק איהם רוה;
גיף מיר גיס אויס דיין חרמה און דיין צאָרן!

געקרייצטער פון לינקס.

אַ דאַנק דיר, גאָט, מיין חבר האָט געשטילט.
עס פאַלט די שרעק אין זכות פון דעם געקרייצטן!
כ׳בין גרייט צום טויט...

שטן.

אָ, שטן, האָסט פאַרשפּילט,
איצט שטעה און רייב דיין שטערן דעם געקנייטשטן..

. . . .

וואָס קומט דאָ פאָר? עס וואַקלט זיך אַ וועלט!

עס הויבט דעם באַרג! די קרייצן זיך באַריהרן!
האָט זיך אַטלאַס דען ווידער גלייך געשטעלט?
צו איז אַראָפּ אַ גאָט אויף דר׳ערד שפּאַצירן?
עס געהט אַ גאָט! ווי שטורעמדיק ער געהט!
ווי שווער זיין טריט! ווי בלענדענד זיינע פיילן!
אין רגע שטילקייט הער איך אַ טראָמפּייט,
דאָס מוז געוויס פּאָרויס זיין לאַפער איילן...
כאַ–כאַ! דעם בחור קאָן איך! ס׳איז הערמעס.
דער שלאַנקער יונג מיט פליגל אויף די קנאָכן;
איך האָב געמיינט, ער איז שוין לאַנג אַ מת,
ערשט ער איז אויך אין אייביגקייט פאַרקראָכן!
ער שלינגט אין לויף דעם בליצנדיקן וועג.
וואוהין, אָ, טרייער זעוסעס שליח?
דען זאָגסטו אָן דער וועלטס די לעצטע טעג?
איז דיין טראָמפּייט דער שופר של משיח?

די שטים פון הערמעס.

איך לויף, איך איל, מיט יעדן טריט אַ מייל,
צום רויטן לאַנד, די סוחרים זאָלן וויסן:
פון האָב און גוטס מוז פּלאַצן זייער זייל,
ס׳האָט פּראָמעטעוס זיך פון פעלז געריסן!

שטן.

וואָס רעדסטו, קינד! אין וואָרט האָסטו געגרייזט,
כ׳בין דאָן אַליין אין סקיטן־בערג געזעסן,
ווען איהם צום פעלז האָט צוגעשמידט העפייסט
און אָדלערס איהם זיין ברוסט האָבן געפרעסען.

די שטים פון הערמעס

דאָך איז ער פריי! מסתם איז עס אַ נס...

און ווער דער וועלט וועט אָנזאָגן די בשורה?
אָ, לויף, שליח זעוסעס, הערמעס!
שטרענג אָן פון דיינע פיס די גאַנצע גבורה!

שטז

הערמעס! הערמעס!.. מיט פערד נישט צו דעריאָגן...
אַנטלאָפן, ווייט!.. זיין וואָרט זאָל אמת זיין?
נו, אלטער נאַר, אויב יאָ, וואָס וועסטו זאָגן?
אַי, האָסטו דיך אַרויפגעאַרבייט פיין!
געקרייצט דאַן איין גאָט, איצט געקרייצט אַ צווייטן,
פאַרלייגט די הענט, געשטאַנען און געלאַכט;
ערשט פראָמעטעוס רייסט פון זיך די קייטן!
ווען איין גאָט פאַלט, דער צווייטער שטייגט אין מאַכט!
די וויג פון געטער האַלט זיך אין באַוועגן,
אַרויף, אַראָפ; איך, שטן, אין דער מיט,
אַנשטאָט אויף רעכט פאַרלויפן זיי די וועגן,
perpetum mobile צו מאַכן העלף איך מיט.
אַ שעהנע עובדה פאַר דעם שטאָלצן כופר,
ביי געטער זיין פאַרמיטלער אין דער שפיל.
איך, שטן, זאָג, אַז נעהמען זאָל אַן אויפהער!
נאָך היינט, נאָך באַלד! און זיין וועט ווי איך וויל!

די שטים פון פראָמעטעוס

איך געה! איך געה! געקרייצטער ברודער מיינער!
דאָס גאַנצע לייב אַן אייטער־וואונד, אַ בייל!
צוריסן איז מיין פלייש, דאָך גאַנץ די ביינער,
אָן זיי צובראָכן זעאוס האָט זיין פייל!
אָ, געטער פון אָלימפ, אין שרעק פאַרציטערט,
ווען פראָמעטעאוס איז פון פעלז אַראָפ!
איהר האָט אַליין זיין ברודער־האַרץ פאַרביטערט;

זאָל פאַלן אייער בלוט אויף אייער קאָפּ!
איך געה אויף אייך! און גרויזאַם איז מיין וואָפן.
געגליהט האָב איך אין צאָרן דורות־לאַנג.
איך וואָלט אויף אייך מיט מיילן־טריט געלאָפן,
ווען נישט וואָס פון די וואונדן בין איך קראַנק!

שטן

אָהאָ, אַ טריט! אַזש באַרג און טאָל פאַרציטערט!
עס רוקט זיך אָן אויף אונז אַ סקיטן־באַרג!
ס'איז וואָהר: די גאַנצע וועלט וואָלט ער צושפּליטערט,
ווען ער דערהויבט דעם האַמער פון זיין קאַרק!
וואו האָסטו דאָס גענומען אַזאַ כּלי?
זיך פאַסט דאָך פאַר דער שמיד־קלאָץ פון וואולקאַן!
אַ גליק האָט נאָך די וועלט: דו ביזט אַ חולה...
קוק אָן דיין ברודערל, געקרייצטער מאַן!

(אויף דער גלגלתא פּראָמעטעוס שטייגט.—
א גאָט — א ריז;
אויף הענט און פיס
צופליקטע קייטן־רינגען,
זיי ברילן, קלינגען
און הענט און פיס פון זיי פאַרבלוטיקט.
דאָך פּראָמעטעוס שטייבלט מוטיק,
זיין ברוסט אנטפלעקט ער און די וואונדן צייגט,
ער נויגט פון קאַרק זיין האַמער שווערן
און שאַרט אַוועק די האָר פון שטערן.
דאַן הערליך־גרויס ערשיינט ביי איהם
דער צלם־אלהים)

פּראָמעטעוס

קוק אָן, געקרייצטער! איך בין פּראָמעטעוס

פון דורות לאַנגער ׳פיינ׳קונג באַפרייט;
דעם אַלטן חשבון צווישן מיר און זעוס
צום אויסגלייכן געקומען איז די צייט.
צו זיינע פיס, און ברידערליכער טרייהייט
געגנויגט האָב איך פון געטער־קרייז די קרוין;
און ער, אויס דאַנק, האָט אָפּגערויבט מיין פרייהייט
און דורות פיין געווען זיינען מיין לוין.
אָ, געטער פון אַמאָל און אַלע צייטן,
הערט אויס, ווען פּראָמעטעוס אייך באַשווערט:
דאָס גליק פון גלייכהייט זאָלט איר נישט פאַרבייטן
אויף אַל דאָס גוטס פון הימלען און פון דר׳ערד!

שטן.

דאָס גוטס פון הימלען לאָזט זיך, אפשר, שיקן.
דאָך וואָס, אימשטיינס געזאָגט, די ערד פאַרמאָגט?
וואָס קאָן איהר גלייכהייט ברענגען פאַר אַ גליקן,
אויב נישט דאָס גליק צו וערן גלייך געפּלאָגט?
דאָס קעסטעלע דיין שוועגערנס, פּאַנדאָרעס,
אויב כ׳האָב קיין טעות, שטעהט שוין אויסגעלעהרט;
פון ווייסטע קרענק, פון אונטערגענג און צרות
צוזייהט איהר גאַנצער נדן אויף דער ערד!

פּראָמעטעוס.

דו לייגסט! דאָרט איז די האָפענונג פאַרבליבן,
און פון איהר באַלזאַם יעדע וואונד פאַרגעהט!
און דו אַהער, ווי האָסטו דיך פאַרקליבן?
ווי קומט צו דיר אין האַנט דעם נביא׳ס קלייד?
אַהער דאָס קלייד! אַהער דעם מאַנטל רויטן!
פון געטער אויפן קרייץ האָסטו געשפּאַסט!

שטן.

איִך גיִב דיִר אָפּ מיִט גוטן; דאַרפסט ניִשט נויטן.
־ויט געוואַנט צו דיינע וואונדן פּאַסט...

מיִטלסטער געקרייצטער.

אָ, מיִדער גבור, ווער האָט דיִך געשיִקט
זיִך אָננעמען מיין כבוד דעם פאַרשוועכטן?

פּראָמעטעוס.

אָ, ברודער־גאָט! צו דיִר האָב איִך געבליִקט
מיִט האָפענונג, שוין ניִשט פון היינט און נעכטן.
איִן דיִר האָב איִך מיין אויסלייזער געזעהן!

מיִטלסטער געקרייצטער

דו רופסט מיִך ברודער. קאָנסטו ניִשט פאַרצעהלן
פון וואַן דו קומסט און וואָס איִז דיִר געשעהן,
דער ברודער גלייך מיִט דיִר דיין צער זאָל טיילן?

פּראָמעטעוס

פון צער האָט מיִך מיין צאָרן אויסגעהיילט,
די שווערע וואונדן וועט די צייט פאַרהיילן,
דאָך הער, געקרייצטער, וואָס מיין מויל פאַרצעהלט,
זאָלסט זעהן, ווי געטער צוויי איין גורל טיילן:
מיין האַרץ געווען איִז פרעמד דעם געטער־קרייז
איִן באַרג אָליִמפּ, איִן בלויען צעלט פון היִמל.
די געטער־שפּיִל לאָזט איִבער קאַלט ווי אייז,
מיִך ציהט צו ד׳רערה, צום מענשליִכן געוויִמל.
מיִך רופט צו זיִך מיין גרויסע מוטער־ערד:
קום, פּראָמעטעוס, פון דיין הויכקייט ניִדער

און טראָג דאָס ליכט, פאַר אייביגקייט באַשערט,
צו מענשן, מיינע קינדער, דיינע ברידער.
דען זעה: ווי בלינדע שטויסן זיי זיך אום,
זיי קאָנען נישט פון אָפּגרונט זיך דערהויבן;
און יעדער זייער וועג איז וויסט און קרום,
זיי מוזן אומקומען אָהן ליכט פון אויבן!
זיי האָבן דאָך אַ האַרץ, ווי גוטער אייל,
זיי דאַרפן נאָר אַ פונק פון געטליך פייער.
קום, פּראָמעטעוס, זיי דאָס ליכט פאַרטייל
און ווער זייער באַשיצער און באַפרייער!
און ס׳האָט געפאָלגט מיין האַרץ דער מוטערס רייד,
און כ׳האָב אַ טייל פון הימל־פלאַם גענומען,
און פון אָלימפּ אַנטרונען שטילערהייד
און מיט מיין פלאַם אין מענשן־טאָל געקומען.
און ליכטיק איז געוואָרן אויף דער וועלט,
און אויסגעגלייכט דער מענש האָט דאַן זיין רוקן,
און פאָרשנד קעגן הימל זיך געשטעלט,
און פאָרשנד צום אָלימפּ גענומען קוקן.
און פּראָמעטעוס איז געווען באַגליקט,
ווי גליקליך ס׳קאָן אַ גאָט זיין בעת׳ן שאַפן...
דאַן האָבן געטער פון אָלימפּ דערבליקט
אין מענשן־טאָל די אופשטעהענדע שקלאַפן.
ווי געטליך זיינען מענשן אין געשטאַלט!
עס וואַקסט אויף אונז אַ נייער דור טיטאַנען!
און זעוסן אַ גרימצאָרן באַפאַלט:
— איז ווער אויף זייער אויסלייזונג באַשטאַנען?
דערהערט: איך האָב דעם הימל־פלאַם גערויבט,
און מיר צודאַנק די מענשן איהם באַזיצן,
האָט זעוס דאַן מיט דונערן פאַרטויבט
און אָנגעצונדן דעם אָלימפּ מיט בליצן.

— די גרעסטע שטראָף דעם שוועכער פאַר זיין דרייסט!
אין דורות פיין מיין קללה זאָל ער פילן!
דיר, לאָמער גאָט, אָלימפּן־שמיד, העפייסט,
באַפויל איך געהן מיין שטרענגן וואָרט ערפילן!
געגאַנגען זיינען שוועסטער קראַפט און מאַכט,
געשמידט דעם ברודער־גאָט אין שווערע קייטן
און צום עק וועלט אין סקיטן־לאַנד געבראַכט;
געטון האָט זיי דער לאָמער שמיד באַגלייטן.
אָ, לאָמער שמיד, אָ ברודער־גאָט העפייסט!
האָסט מיך צום פעלז געשמידט! נאָר נישט פון עלנד
און נישט פון האַמער־קלעפּ געוועהטאָגט האָט מיין גייסט,
נאָר פון דיין שאַנד, ביים פאָלגן די באַפעלן!
אַ גאָט אַ שקלאַף! איין גאָט דעם צווייטן שמידט,
ערפילנדיק דעם שטרענגן וואָרט פון דריטן!
די טרער פון שאַנד אין אויג האָט דיך געבריהט,
ווען איך האָב שטום געשוויגן און געליטן!
איך האָב דערקענט אין פיינליכן עקסטאַז
דעם שווערן וועג פון געטליכע קרבנות,
דעם בייזן לוין פון ברודערליכן האַס,
פאַר וועלן זייהען ליבשאַפט און רחמנות,
דער לאַפער, דער לייכטפיסיקער הערמעס
געקומען איז צולויפן מיר פאַרטרויען:
—אָ, פּראָמעטעוס, לעבעדיקער מת,
ווי שרעקליך וועט און לאַנג זיין דיין נסיון!
דו וועסט אין פעלזן הענגען דורות לאַנג,
פון אָדלערס ווילדע וועַנדיק געפרעסן,
די פיס געביסן פון אַ בייזער שלאַנג,
פון גאָט און לייט, ווי איך פון טויט פאַרגעסן!
זוי דורות לאַנג פאַרגעהן וועסטו אין לייד
אין הויכן פעלז, אין גראָהקייט פון די צייטן,

און וואַרטן אויף אַ גאָט צום אָפּפער גרייט,
וואָס קומען זאָל און ווען דיך פאַרבייטן.
צו וועט ער קומען? דאָס איז נישט באַוואוסט
פאַר געטער פון אָלימפּ, ווי פאַר הערמעסן.
אָ, פּראָמעטעוס, גרייט דערווייל דיין ברוסט!
עס פליהען שוין די אָדלערס דיך צו פרעסן!

שטן

אָ, פּראָמעטעוס, גרייט דערווייל דיין ברוסט!
כאַ-כאַ! הערמעס האָט גליקליכע המצאות!
און דו האָסט, ברודער, הערן איהם געמוזט
און אָנגעבריט דיין ברוסט, אויב כ'האָב קיין טעות?
אַזוי געווען, אַזוי וועט אייביק זיין,
געקרייצטע אויפלייזער פון וויסטע וועלטן!
אונענדליך איז דער וועג פון אייער פּיין,
די שעה פון אָפּרוה—קורץ און אַזוי זעלטן.
און דאָס איז אייער קורצע פרייד געשטערט
און פון אַ ברידער־ליכן צער פאַרביטערט;
דען איי' זיין קרייץ דער ערשטער פּטור ווערט,
דער צווייטער גאָט אין פרישער קרייצונג ציטערט.
געקרייצטע געטער! אָ, ווי מיר געפעלט
דער מין פּין זיין אַ גאָט, צוגלייך אַ קרבן!
איך האָב אין אייער זכות די גאַנצע וועלט
אין מיין רשות אויף דורות לאַנג ערוואָרבן!
מיט אייער קרייצונג שטייג איך אויפ'ן כּע־ד
און ס'וואַקסט אין מיר צו אויבערמאַכט די גליסטונג
אין הפקר-פריי ד׳ן רייט איך אויף דער ערד
און אייער אויפטו ברענג איך צו פאַרוויסטונג.
אַזוי געווען, אַזוי וועט אייביק זיין:
די וועלט האָט אַ רגילות אייך צו קרייצן,

און איהר האָט אַ רגילות טראָגן פּיין,
און מיין רגילות—אייביק אייך צו רייצן!

פּרעמעטעוס

ווער ביסטו, ווער, דו, שוואַרץ געהילטער גאַסט?
געוויס געהערסטו אָן צו מיינע שונאים.
דאָך איידער פּראָמעטעוס דיך פאַרהאַסט,
אַנטפּלעק פאַר איהם דיין נאָמען און דיין פּנים!

שטן

מיין נאָמען און מיין פּנים איז דיר פרעמד,
איך קער נישט אָן מיטן אָלימפּ דעם אַלטן.
דערצו מיין האַנט פון רייכע אוצרות נעהמט
און קליידט זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטן.
כ'בין דער, וואָס האָט ביים שמאָלן שטראָם יבוק
אין פינסטערניש מיט יעקבן געשטריטן.
איך האָב געטאַנצט ביים עגל מיט'ן פּויק
און שלמהן אויף זיין קעניגשטול פאַרביטן.
כ'בין דער, וואָס איך האָב איובן פאַרקלאָגט,
אין טויזנט פעלן קרום געמאַכט, וואָס גלייך איז;
כ'האָב איהם פון קרייץ געפייניגט; און מען זאָגט,
אַז אויך צו דיר האָב איך אַ שטיקל שייכות...

פּראָמעטעוס.

וואַרט, וואַרט! ס'האָט פּראָמעטעוס דיך דערקענט,
פון געטער אויפן קרייץ דו קרומער שפּיגל!
ווען הויך אין באַרג, געבונדן פיס און הענט,
געביסן און געפייניגט פון געפליגל,
געזעהן האָב איך די אונענדליכע ווייט,—
מיט בלוט זיינען די אויגן מיר פאַרלאָפן.

אָ, נישט פון דעם, וואָס אויפן פעלז איך ליידו!
דערצאָרנט האָב איך געטער—און זיי שטראָפן.
דען קאָנען געטער אומברענגען אַ גאָט?
איז דען פאַר איהם די געטער-פייל פאַרדערבליך?
די שטראָף די לענגסטע דאָך איהר ענדע האָט
איך קום זי איבער געטליך און אומשטערבליך.
דאָך יענע פייל פון טייוועלשן געשפּעט
זי שטייגט אַריבער די אָלימפּן-פיילן:
אַריבער פעלדער, וועלדער, טייכן, שטעט
פון פעלז האָב איך געזעהן דאָס לאַנד אויף מיילן;
און שרעקליך האָט מיין אָפּשפּעטער געלאַכט:
אָ, פּראָמעטעוס, מענשליכער באַפרייער!
דו האָסט צו זיי דאָס געטער-ליכט געבראַכט,—
קוק אָן זייער געברויך פון הייליק פייער!
און כ׳האָב געזעהן צו אייגן פּיין און שאַנד,
די קינדער פון דער ערד, פון מיר פאַרלאָזן,
זיי צינדן טויזנט פייערן אין לאַנד
און דרייסט אין בייזע שריפות זיי צובלאָזן!
און ס׳געהען שוין מיט פייער שטאָט אויף שטאָט,
און ס׳פלאַמען שוין די שיפן אויף די ים׳ען,
און יעדער צינדער שרייט: ער איז אַ גאָט!
און גרייט זיך אומברענגען אַ וועלט אין פלאַמען.
און כ׳זעה דער מענש האָט קאַלכאָיוונס געבויט,
אין זיי דער בייזער פלאַם זאָל אייביק נעסטן.
אוי כ׳זעה: די שפּיל פון אונטערגאַנג און טויט
פאַרנעמט זיך שוין אויף דורות צו פאַרמעסטן.
מיין שאַנד איז גרויס! מיין צאָרן איבערפולט,
די שטראָף—זי שטייגט אַריבער אַלע מאָסן!
איך רייס מיין קייט! געפּלאַצט איז מיין געדולד,
מיין פעלז האָב איך מיט אייגן בלוט פאַרגאָסן,

פון יעדן ריס פּאַרציטערט ווערט דער באַרג,
דאָך יעדעס מאָל באַפעסטיקט ער זיך ווידער;
און ס'בלייבט מיין קייט, ווי פריהער, אייזן שטאַרק,
און איך אַליין מיט בלוט גיה אָפּ אַ מידער.
אין פּיין און צאָרן דאַן האָב איך געפּרוכט
מיין אָנקומען אויף ד'ר'ערד אין שעה דער בייזער;
און דורשטיק אין דער ווייט האָב איך געזוכט,
צו קומט שוין נישט פון ערגעץ מיין ערלייזער?
און קומען מוז ער! איינס איז מיר באַוואוסט
און דאָס האָט אין מיין צווייפלונג מיך געמוטיקט:
דאָס געטליך ליידן געהט נישט אין פאַרלוסט!
אַ גאָט אומזיסט האָט קיין מאָל נישט געבלוטיקט!
אָ, בלינדע קינדער פון דער וויסטער ערד!
דורך אייער גייסט דעם זינדיקן, דעם בייזן
איז מיר מיין קלעם באַפּרייט ווערן באַשערט!
דורך בייזע מעשים וועט איהר מיך ערלייזן!
און זעה ניי שווארצער שונא, ביזט באַזיגט,
האָסט זיך אליין מיט דיינע הענט געשלאָגן!
איך האָב דערזעהן: אונטער זיין לאַסט געדריקט
אַ גאָט אַ צווייטער האָט זיין קרייץ געטראָגן!
און מענשן-קינדער האָבן איהם באַגלייט
מיט גרויס געשפּעט, זלזולים און הויות,
די ציין פאַרשטעקט אין פורפור פון זיין קלייד—
אַ ווילד געיעג פון אויפגערייצטע חיות.
און, ווען זיין קרייץ באַפעסטיגט איז אין דרערד,—
האָט ביז די וואָרצלען דאַן מיין פעלז פאַרציטערט;
און ווען פון תליונס האַנט געקרייצט ער ווערט,—
אַ דונער פעלזן שלנישע צושפּליטערט.
מיין קייט לאָזט נאָך. דערמונטערט איז מיין גייסט...
די לעצטע מיה... באַלד שטעה איך אַ באַפרייטער!

ער לויפט, ער היפּט, דער לאָמער שמיד העפּייסט,
געשיקט פון געטער קרייצן מיך אויף ווייטער...
היפּ, היפּ, דו, קנעכט פון געטער, לאָמער שמיד!
נעהם אויף מיין קאַמף! אַהער דיין האַמער גרויסן!
געפּלאַצט מיין קייט! אין תהום דער לאָמער פּליהט,
פון הויכן פעלז אַראָפּ דורך מיר געשטויסן!
נישטאָ קיין אָרט פאַר געטער־קנעכט אויף דרערד!
צוברעך דעם צווייטן פוס און בלייב דאָרט ליגן!
דיין האַמער צו מיין פלאַם פאַראייניגט ווערט,
דורך פלאַם און האַמער וועל איך געטער זיגן!
עס לעבט דער פּראָמעטעוס פון אַ מאָל,
דער גרייט איז ווידער הימלען צו באַרויבן.
מיט העלן פלאַם און האַמער־פעסטן שטאָל
די ערד וועט ער פון וויסטן תהום דערהויבן!
און דו, מיין שוואַרצער נאָכשפּעטער, טרעט אָפּ,
כל זמן דיך שוינט מיין אָנגעגליהטער צאָרן!
מיין האַמער, וועט צושמעטערן דיין קאָפּ!

שטן

מיין מלאך המות איז נאָך נישט געבוירן:

מיטלסטער געקרייצטער

אָ, ברודער גאָט, מגושמ׳דיקער ריז,
ווי קרעכצן וועט די וועלט, ווען דו וועכט שפּרייזן
אויף איהרע וואונדן מיט די שטאַרקע פיס
און פרובן היילן זי דורך פלאַם און אייזן!
איך האָב געבראַכט דעם זאַלב פון ליבע צאַרט —
האָט מיר דער חולה הענט און פיס געבונדן;
און דו—דו צילסט אין בייל דיין האַמער האַרט
און ווילסט דורך פייער אויסברענען די וואונדן!
אַ וועלט וועט דיר נישט שענקען, קיין מאָל נישט,

און זעהן וועל איך דיך ווידער אַ געקרייצטן;
און אונזער יאָמער ווערן וועט פאַרמישט
מיטן געבּרום פון המון־רב צורייצטן!
אָ, דען איז שוין אויף אייביק מיר באַשערט
אַפילו דורך אַ ברודער־האַנט צו בּלוטן;
און ווערן וועט פון קיינעם נישט דערהערט
מיין אויסגעשריי פאַרצווייפלטער: מיט גוטן!
מיט גוטן, ברודער, געה באַזיג דאָס בייז!
דורך ליבע לייטער, נישט דורך קלעפּ און פייער!
און, הויבּסטו אויף דיין ר.זן־האַמער—ווייס:
דו וואַרפסט אַ פונק אין איבּערפולטן שייער:

פראָמעמעוס

דאַן זאָל עס ברענען! איינזינקען אין פלאַם!
דער פלאַם פאַרלענדט, דער זעלבער פלאַם אויף לייטערט,
דעם גערטנערס וואונש—צו ראַטעווען דעם שטאַם,
די פוילע צווייגן ברעכט ער און דערווייטערט.
נישט מיר, געקרייצטער, איז די ליבע פרעמד;
איך טראָג די ליבע, איינגעהילט אין צאָרן;
דער דור, וואָס האָט דעם הימל־פלאַם פאַרשעמט,—
ער מוז אַליין אין פייער געהן פאַרלאָרן!
איך קאָן די ערד; כ׳בין עלטער אין דער צייט,
פון דיר, געקרייצטער ברודער פון נוצרת.
וואָס גילט אַ דור? אַ צווייטער איהם פאַרבייט;
די מוטער ערד איז אייביק מעוברת.
איך טראָג, ווי דו, די ליבע אויף דער ערד,
דיך ברענג איך אויף איהר צייטיקן נסיון.
מיין פלאַם פאַרלענדט, מיין האַמער־קלאַפּ צושפּערט;
דורך פלאַם און האַמער וועל איך ווידער בויען!..
וואָס זעה איך, ברודער, אַנגסטליך דיין געשטאַלט,

עס עפענען זיך ווידער דיינע וואונדן.
עס רינט דיין בלוט, אין שווערע טראָפּנס פֿאַלט, –
און אויף דער ערד זיי ווערן נישט פֿאַרשוואונדן,
זיי זידן און זיי קאָכן אויף דער ערד!

מיטלסטער געקרייצטער

דיין וואָרט האָט מיינע וואונדן אויפגעשניטן,
דיין ליבע איז געגליכן צו דער שווערד!
דו, ברודער, האָסט מיין פייניקער פֿאַרביטן!
איך זעה שוין נישט מיין גאולה אויף דער וועלט,
פֿאַרניכטעט וועלן ווערן מיינע זוימען!
אָ, ברודער־גאָט! דיין האַמער האָט פֿאַרשטעלט
די העלע זון פֿון מיינע זיסע טרוימען!

פּראָמעטעוס

אָ, גאָט פֿון ליבע, זיין זאָלסטו געטרייסט,
עס רעדט צו דיר דער וואָהרזעהער אין חוזה!
די ווייטסטע צוקונפֿט פּראָמעטעוס ווייסט,
זי ליגט איהם אַן אָפֿענע און בלויזע
מיין האַמער–ער וועט אויפֿבויען די ערד
מיין פֿלאַם—ער וועט בלויכטען אַלע תהומען;
אויף אַלע וועגן, שטעגן ווערט געהערט
צו לויבן און צו הייליקן מיין נאָמען.
דאַן קומען וועט אַ וואונדערליכע צייט
און דיינע זוימען שטייגן אין געבליטן;
און ווערן וועכטו דאַן דורך מיר באַפֿרייט,
אום קרייצן זאָל די וועלט אַ גאָט אַ דריטן...

שטן

כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! אַ מעשה אָהן אַ סוף!
איך בלייב פֿון אייך דער אייביקער פֿאַרטרעטער!

די צוקונפט קרייצט אַ דריטן; און איך האָף:
די וועלט וועט אייביק קרייצן איהרע געטער!
כאַ־כאַ!!..

מיטלסטער געקרייצטער

דיין וואָרט, אָ, ברודער פון אָלימפּ,
מיך טוט גלייכצייטיק מונטערן און פּלאָגען.
דער דריטער גאָט, וואָס איז צום קרייץ באַשטימט,
פאַר וועלכער מיה זיין עונש וועט ער טראָגן?

פּראָמעטעוס

דער דריטער גאָט, וואָס טראָגן וועט זיין פּיין,
נאָך אונז, די ערשטע, אויסגעלייזטע געטער,
איך זעה: דער גאָט פון פרייהייט וועט עס זיין...

שטן

גענוג!

פּראָמעטעוס

אַנשטום, דו לעסטערער און שפּעטער!

שטן

גענוג!

פּראָמעטעוס

פאַרשטיק די שטימע אין דיין קעהל
און הער און גלויב מיין וואָרט און פּראָפעצייען:
אין ווייטער צוקונפט זעה איך בולט־העל.
דער גאָט פון פרייהייט מוז דעם קרייץ באַנייען...

שטן

גענוג, גענוג! מגושמ׳דיקער ריז!

דען ווייכטו וועמעס וואונדען מאַככטו בריִהען?
אָ, זעה איִן שטוֹין, איִך פאַל צו דיינע פ ס.
פאַר דיִר דיין פיינט און לעסטערער טוֹט קניִען!
כ׳גיִב אויף דיִ שפּיִל! מיין היזק איִז געעקט!
איִך וויִל ניִשט, ניין! איִך וויִל געקרייצט ניִשט ווערן!

פּראָמעטעוס

ווער ביִסטו ווער, איִן פּיִנסטערניִש באַדעקט?
דו מאַכסט אונז נייע, פרעמדע ווערטער הערן!

שטן

(שפּריִנגט אויף פֿון אָרט; פֿון איִהם דיִ היִלע פֿאַלט,
אנטפּלעקט זיין יונג און וואונדערליִך געשטאלט—
א וויסער גאָט מיִט פליִגל אומבאפּלעקטע.
דיִ שלאַנקע הענט צוביידע געמער שטרעקט ער).

אָ, ברידער געטער! איינציק און פּאַר אייך
איִן שווערער עיִה מיין שטיִם און וואָרט איִך ענדער;
אָ זעהט, דער גאָט פון פרייהייט, אייער גלייך,
האָט זיִך געהיִלט איִן פיִנסטערע געווענדער!
כ׳טו אָפּ פון זיִך דאָס לעכטיִקע געוועב,
אום באַלד איִן איִהם זיִך איינצוהיִלן וויִדער!
וויִ לאַנג איִן שווערן גלות-וועג איִך שוועב,
דער פרעמדער מאנטל פּרעסט אויף מיינע גליִדער.
איִך וואַנדער אום פאַרענדערט און פאַרשטעלט,
איִך וואַנדער אום איִן טויזנטער געשטאַלטן.
מיִט אייך צוקריִגט, אַ יתום אויף דער וועלט,
דער גאָט פון פרייהייט מוז זיִך אויסבאַהאַלטען.
דער גאָט פון פרייהייט קאָן ניִשט זיין קיין קנעכט,
אַ שלאַנקן גוף און ווייסע פליִגל האָט ער;
און וויִל ער—אַלע צוימען ער צוברעכט

און אלע גאָטס געבאָטן איז ער פּטור.
און וויל ער,–פון דער גאַנצער וועלט די זינד
ער שליידערט אומפאַרשעמט אין שעפערס פּנים,
פאַר אַל=דאָס=בייז אַן אויסרייד ער געפינט,
ווייל יעדער אויסרייד איז דאָך נאָר לפּנים;
דער עיקר איז די פרייהייט, כאָטש פאַרשטעלט.
צום מענשען קינד, וואָס האָט אַן אויער רעדט ער:
אָ, טו, בן=אדם, טו ווי דיר געפעלט,
די וועלט לאַך אויס, די וועלט איז דיין פאַררעטער!
די וועלט ווערט אויסגעלאַכט, איהר גאָט צו שפּאָט,
עס קליידט זיך אָן די טומאה אין דער קדושה.
דאָך ער אַליין פון דעם קיין נחת האָט:
אין פרעמדן מאַנטל פיינינקט איהם די בושה.
אָ, ניין, נישט דאָס, נישט דאָס איז זיין געשטאַלט,
דער גאָט פון פרייהייט זינדיגט נישט דורך פּשט׳לאַך!...
דאָך קומט אַ צייט, פון איהם זיין הילע פאַלט,
דאַן פאַר דער וועלט ערשיינט ער ריין און געטליך!
איך ווייס: נישט לאַנג וועט דויערן זיין רוהם,
דען פאַר דער וועלט זיין תורה איז געפעהרליך.
און אויפ׳ן קרייץ ווי איהר דאַן קומט ער אום,
די וועלט איהר יאָך זאָל טראָגן טריי און ערליך.
איך ווייס דאָס אַלץ, דערום אין מיין שפּאַציר
איך מעסט די וועלט, אַן אויפגערעגט=צורייצטער.
איך טראָג אין זיך די געטליכקייט, ווי איהר,
דאָך, וועה! איך וויל נישט ווערן אַ געקרייצטער!

מיטלסטער געקרייצטער

אָ, ברודער=גאָט! כ׳האָב אויך דאָס נישט געוואָלט,
אין שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך גערופן:
דער בעכער ליידן.—מאָג ער זיין פון גאָלד—

זאָל מיך פאַרמיידען, איך בין נישט באַרופן!
דאָך, ווען דער יונגער מאָרגן האָט געהעלט,
האָט מיך דער פחד פון דער נאַכט געמיטן;
איך האָב דערזעהן די ליידן פון דער וועלט
און גערן פאַר איהר אויסלייזונג געליטן

שטן

דעם גאָט פון פרייהייט געהט נישט אָן די וועלט,
ער וועקט און גרויסט דיווירדע פון אַ מענשען.
האָט איינער קעגן טויזנט זיך געשטעלט,
וועט ער דעם בייזן מוט פון איינעם בענשן,
פון איהם ביז אייך אַ חילוק איז פאַרהאַן
און הערשן גלייך מיר קאָנען נישט אין דרייען;
איהר טראָגט דער וועלט אַ אייזערנעם געשפאַן,
און איך—דעם גאָט אין מענשן וויל איך באַפרייען!..
וואָס זעה איך, ריז? דערצאָרנט און צורייצט
פאַר מיר דו שטעהסט, ווי פייער אָנגעצונדן:
דיר ציטערט יעדער אבר, און עס פלייצט
אין פרישן שטראָם דאָס בלוט פון דיינע וואונדן!

פראָמעטעוס

ס'איז וואָהר: פאַר מיר דיין פרייהייט איז אַ שפיז,
אָ, ברודער גאָט, באַפליגלטער אַפּאָללאָ!
ווי נאָהנט און ליב דיין העל געשטאַלט מיר איז,
דאָך וועקט מיין האַס דיין הילע פון נבלה.
דיין שיטה—זעה: דער געטליכקייט איז פרעמד,
דו שענקסט דיין פרייהייט איינעם פון אלפים.
און זעה: דיין ליבלינג האָט די ערד פאַרשעמט,
ער מעהרט די קנעכטשאַפט: אייל דיך און באַשטראָף איהם!
נישט איינער פריי, נאָר פריי די גאַנצע וועלט!

דער קלאָרער אמת פאָדערט ניִשט קיין רעיות!
פון היכן פעלז געזעהן האָב איך: איהר פעלט
די שטאַרקע קייט פון גלייכהייט און אחריות.
און זאָל מיין האַמער שמידן יענע קייט
אין מענשן־טאָל, פון ברודער האַרץ צום צווייטען.
און דו, אָ גאָט פון פרייהייט, זיי באַרייט
אין שווערן וועג דיין ברודער צו באַגלייטן.
דעם וועג פון גאָט־מערטירער ניִשט פאַרמייד?
דו טראָגסט, ווי מיר, די געטליכע קרבנות.
כ'האָב מיינס געליטן; דעט געקרייצטער לייד'ט,
און אויך פון דיר, אָ ברודער־גאָט, איך מאָן עס.
דו געהסט צום קרייץ! און הייליק איז דאָס אָרט,
וואו אַלע דריי מיר טרעפען זיך צוזאַמען;
און אַלע דריי מיר גיבן זיך דאָס וואָרט
דעם קרבן פאַר דער וועלט ניִשט צו פאַרזאַמען!
מיר זיינען אַלע צווייגן פון איין שטאַם,
די ניִשט געפעלשטע איינגקייט אין דרייהייט
כ'בוי אויף די וועלט דורך האַמער און דורך פלאַם
פאַר דיר, אָ, ליבע! אין פאַר דיר אָ, פרייהייט!
כ'האָב דורות לאַנג פאַר גע שן זיך געמ הט,
כ'האָב זיי באַשוינט מיט געטליכע געשאַנקען;
און אויב אַ מאָל, די ע״ד האָט נאָ־ געבליהט,
דאַן האָט זי קיינעם,—מיר דאָז צו פאַרדאַנקען.
איצט, געטער, זעהט, מיין אפּטו איז צושמע־ט,
די ערד פאַרוויסט פון לעזמע־ער, פאַררעטער.
איך ברענג אַ נייע תקופה אויף דער ערד
און רוף צו הילף אייך ביידן, ברידער־געטער!

מיטלסטר געקרייצטער

וואָס קאָן איך העלפן, איך, אָהן קראַפט און מאַכט?

וואָס קאָן איך אופטון, איך, צום קרייץ געשמידטער?
די וועלט פון מיר אַ שפּילכל האָט געמאַכט
און פון מיין שוואַכקייט לאַכט דער גאָט דער דריטער.

פּראָמעטעוס

איך זעה, איך ווייס, נאָר אַלץ איז ביז אַ צייט,
אין הויכן קרייץ נישט אייביק וועסטו הענגען;
דען ער, דער גאָט פון פרייהייט דיך פאַרבייט,
כ'וועל ביי דער האַנט אַליין צום קרייץ איהם ברענגען.

(דער שטן ווידער אין זיין מאַנטל זיך באַהאַלט,
אַ שטום און פרעמד און שטיינערדיק געשטאַלט;
און, ווי זיין אויסזעהן אין די פינסטערע געהענדער.
איז אויך זיין שטים פאַרמיטן און געענדערט.)

שטן

האַלט אָפּ, מיין פריינט, איך האָב נאָך נישט פאַרשפּילט
כ'האָב נאָך מיין לעצטן קרייץ-וועג נישט באַטראָטן.
איך וועל נאָך לאַנג שפּאַצירן שוואַרץ געהילט
און טראָגן שטאָלץ דעם עהרן-נאָמן: שטן.
און, קערסטו רעכטס,—אויף לינקס איז מיין פאַרנעהם;
און, געסטו לינקס,——מיין וועג וועט זיין דער רעכטער;
און וואו איך גיה, מיט פולע הענט איך נעהם
מיין מעשר אָפּ פון מענשליכע געשלעכטער.
און דו ביזט מיד, פון קרייץ ביזטו נאָך קראַנק,
די אַלטע וואונדן דויערן אין היילן...
און, ביז דו קומסט צו הערשאַפט, וועט נאָך לאַנג
די וועלט איהר פולן צוטרוי מיר פאַרטיילן.
איך גיה מיין וועג, איצט נעהם איך מיר אויף רעכטס...
און דו אויף לינקס... מיר טרעפן זיך נאָך ווידער...
אָ, ווער מעסט אויס דעם אָפּגרונט פון מיין קרעכץ,

דעם קרעכץ פון גאָט, באַקעמפּט פון געטער־ברידער!

מיטלסטער געקרייצטער.

איך, ברודער, איך! דיין טיפּן צער איך פיל,
איך זעה פון קרייץ דעם תהום פון דיינע פיינען!
און אויך פאַר דיר געקרייצט ווערן איך וויל,
זאָלסט פאַר דער וועלט אין געטליכקייט ערשיינען.
צו מיר, אָ, ברודער, קום און ווער געטרייסט,
מיר וועלן טיילן אונזער יאָך ווי ברידער,
פרעג אָן דעם ברודער פון אָלימפּ, ער ווייסט,
ווען אַלע גלייך אין צייט מיר הערשן ווידער.

(דער שטן נעמט ארום דעם שטאַם פון קרייץ
און קניהט, און ווײנט
און שמילט.—
דער גאָט פון פון פרייהייט, פאַר דעם גאָט פון ליבע־
שמארץ געהילט.
און פּראָמעטעוס אין זיין רויט געוואַנט,
ער לייגט, זיין ברודער־האַנט
אויפ׳ן שטנס קאָפּ.)

פּראָמעטעוס.

ווײן, ברודער, ווײן! דעם ברידערליכען בונד
פון געטער דריי דו חתמ׳עסט מיט די טרערן.
און זיין דיין יעדע וואונד וועט אונזער וואונד:
און טריי צו זיין דיין אויסלייזונג מיר שווערן.
דאָך אלע דריי מיר הערשן אין דער צייט
אין יענער צוקונפט, גליקליכער און ווייטער,
ווען ווערן וועט די גאַנצע וועלט באַנייט,
מיט איהר אויך דו אויף אייביג אַ באַפרייטער.
ביז יענער צייט אין פיין וועסטו פאַרגעהן,
ביז יענער צייט געקרייצט וועסטו נאָך ווערן...

און, האָסטו טרערן, גאָט פון פרייהייט,–וויין!
דעם בונד פון געטער חתמ׳עסטו דודך טרערן!...

שטן

איך האָב קיין טרערן. ס׳איז מיין האַרץ פון שטיין,
איך מוז נאָך געהן... איך מוז מיך נאָך באַקלערן...
איך מייד דיך אויס; און וואו דו וועסט נאָר געהן,
אין אַ פאַרקערטער ריכטונג וועל איך קערן.

(דער שטן לאַנגזאם שווער דערהויבט זיין קאָפּ
און פון געזיכט זיין הילע טוט ער אָפּ.)

פראָמעטעוס

אָ, ברודער גאָט! ווי שרעקליך דיין געשטאַלט!

שטן

איך בין דיר פרעמד? דו קאָנסט מיר נישט דערקענען?

מיטלסטער געקרייצטער

געוואָרן ביסטו גראָה; דיין פנים אַלט.
אין דיינע אויגן ווילדע פלאַמען ברענען.
ביזט אונזער פיינד?

שטן

דערווייל איז עס אַזוי:
דער גאָט פון פרייהייט קאָן זיך נישט באַשליסן
און גרויליק-ווילד פאַרקלינגען וועט זיין „אוי”!
ווען ס׳ווערט פון אייך זיין יהוה-בריף צוריסן.
איך לויף, איך איל! צום לעצטן מאָל איך פרעג.
וואו פירט דיין וועג?

פּראָמעטעוס

מיין וועג וועט זיין דער לינקער.

שטן

דאַן וועהל איך אויס פאַר זיך דעם רעכטן וועג.
אָ, ריז, ביזט שטאַרק! דיין פיינד איז אָבער פלינקער...

פּראָמעטעוס

איך געה! איך געה! כ'וועל אויפטרייסלען די ערד!
דער צאָרן שטייגט אין וועה פון מיינע וואונדן!
מיין האַמער ברעכט, צושמעטערט און צושטערט.
מיין פלאַם האָט אַלע וועגן אָנגעצונדן!
ביז פּראָמעטעוס נעהמט דיך אין געפאַנג;
אָ, גאָט פאַרשטעלטער, שענסטער פון כאַררעטער, –
די גאַנצע וועלט וועט זינקען אין געקלאַנג
פון לעצטן קאַמף, דעם קאַמף פון ברידער געטער!
איך געה! איך געה! און פעלזן איך באַוועג,
און אַלע טיפע תהום'ען שפּרייז איך איבער!..
אָ, גאָט געקרייצטער, בענש מיך אויפ'ן וועג!

מיטלכטער געקרייצטער

אין דיינע הענט מיין גייסט איך ענטפער איבער!

. . . .

(דער שטן שלייכט אַוועק אויף רעכטס,
אין נאַכט און טונקלקייט דערווייטערט.
דער חושך שפּייט ארויס זיין קרעכץ.
און פּראָמעטעוס דער באַפרייטער
פאַרוואַרפט אויף זיך דאָס רויט געוואַנט
און צעהלט די ערשטע טריט די שווערע

צום רויטן בראַנד פון מערב־לאַנד.
הערמעס פון חיטן מאַכט צו הערן
זיין טראָמפּיט.
– זייט גרייט, זייט גרייט! א חעלט פאַרגעהט
דער פרייער פראָמעטעוס געהט!
א דונער פאַלט, א צחייטער ברעכט,
עס ברומט פון הימל און פון דר׳רד
און רונד ארום דאָס גאַנצע לאַנד
פאַרציטערט חערט.
ארום גלגלתא
האָבן קברים זיך געשפּאָלטן
אויף לינקס און רעכטס.
פון זיי חי ראָזע נעבל־זיילן
די מתים־ציילן
זיי שטייגן אויס אין נאַכט און בראַנד.
לינקס—צדיקים; רעכטס—רשעים.
אין שחאַרצן הימל קראלן קראָהען,
און פון חושכ׳דיקער חייט
א פערד־געטופּ, א רייטער רייט.)

ערשטער מתים־כאָר

ווער האָט די מתים פון פינסטערן קבר דערהויבן?
דורך ברומען און דונערן הערן מיר וועמעס טראָמפּייט?
קאָנען דען גייסטער פאַרלאָשענע הערן און גלויבן,
אַז איצט איז געקומען די שעה און דער אויסלייזער געהט?

וואו איז ער, ווער איז ער, דער, וואָס וועט וועקן אַ טויטן?
די פליגל פון גלויבן זיי הענגען פאַרחלשט און מיד...
דאָרט, אין דעם פינסטערן בראַנד, אין זיין מאַנטל דעם רויטן,
שפּאַנט ער צו מערב מיט שווערע, געמאָכטענע טריט.

לאָמיר, צדיקים פון קבר זיך אָנטון אַ גבורה
און שוועבן אַהין, נאָכן שאַל פון דער פרעהליכער בשורה!

צווייטער מתים-כאָר

זעהט נאָר און הערט נאָר! דעם קבר פאַרלאָזן די טויטע!
מען זאָגט, אַז דעם בראַנדיקן וועג איז משיח פאַרביי.
וועמעס דאָרט פלאַטערט פון ווייטן די הילע די רויטע
און כתות פון גייטטער=צדיקים באַגלייטן איהם טריי?

לאָמיר, דערוואַכטע רשעים, איהם נאָכשוועבן, שטערן,
דער גי-הינום וועט צאָלן פאַר דעם אַ געהויבענעם פרייז...
פאַלן די פליגל פון שנאה... ס'וועט גאָר שוין נישט ווערן...
מיר זיינען נאָר טויטע; אומזיסט אונזער מיה, אונזער פלייסן

מיהט אייך, רשעים, כאָטש נאָכשוועבן, הערן און זעהן איהם
און קומען צוריק מיט דער ביטערער בשורה אין גי-הינום...

(שריבער גלגלתא מיט רעש און געפליטער
די טויטע זיי שוועבן...
געקרייצטע רשעים אין פלוצלינגן ציטער
דערהאַבן צום לעבן.
די הענט און די פיס אין די בלוטיקע וואונדן
באַפרייען זיי מונטער.
א ריהר און א קעהר און, ווי קיין מאָל געבונדן,
זיי שפרינגען ארונטער.)

פון לינקן קרייז

ביזט לאַנג געהאַנגען?

פון רעכטן קרייז

אפשר נאָר פון נעכטן,

און אפשר הענג איך שוין פון דורות לאַנג.
כ׳בין שרעקליך דורשטיק!

פון ליִנקן קרייץ

וואָס פאַרלאַנגסטו?

פון רעכטן קרייץ

שעכטן!

פאַרגיסן בלוט — מיין האַרציקער פאַרלאַנג!

פון ליִנקן קרייץ

דיין שווערער פרוב האָט גאָר דיך נישט געלערנט...

פון רעכטן קרייץ

און דו, מיין תנא, וואָס איז דיין באַגעהר?

פון ליִנקן קרייץ

כ׳וואָלט וועלן אַלץ צום גוטן איבערקעהרן.

פון רעכטן קרייץ

און וואָס דען קאָנסטו?

פון ליִנקן קרייץ

כ׳קאָן נאָר שעכטן...

פון רעכטן קרייץ

קעהר!..

פון ליִנקן קרייץ.

אָ, שטעה נאָר, שטעה! ברייט אָן דיין שארפן מעסער!
אַ רייטער רייט!

פֿון רעכטן קרײַז.

ר׳איז אונזער מיה נישט ווערט.
דאָס טרייבט אין ווילד געלאַף דער טויטער זעגער...
ער פליהט צום אפגרונט אויף זיין בלינדען פערד.

פֿון לינקן קרייז.

דאָך ווענען וויל ער, אייגענטליך, דעריאָגן?

פֿון רעכטן קרייז.

קוק אָן: צו מערב לאנד דער רויטער שפאַנט,
נאָך יענעמס טריט דעם רי טער טוט עס טראָגן,
אין בלינדער תאוה צו זיין רויט געוואַנט.

פֿון לינקן קרייז.

ער וויל מיט קראַפט דעם רויטן העלד באַפאַלן?
עי! טויטער צעסאַר, זעה! דיין פערד איז בלינד!

פֿון רעכטן קרייז.

ער פליהט פון בארג!.. אַן עק! אין תהום געפאַלן!
געבראָכן רוקן-לענד!

פֿון לינקן קרייז

זיין פסק פאַרדינט!..
נו, איך וועל געהן, וואוהין ס׳פאַרנעהמט זיך יענער.
זיין פלאַם און האַמער העלפן וועל איך געהן.

פֿון רעכטן קרייז

און האַקט מען האָלץ, דאַן מוזן פליהען שפענער.
כוועל אויך געוויס דאָרט אָפּלעקן אַ ביין.

(די צווי פון קרייץ באַפרייטע לויפן,
אהין, וואו פראַמעטעוס שפאַנט,
אין דראַנג זיך אויסצולעבן יעדער אויף זיין אופן.
אליין דער מיטלסטער בלייבט הענגען
ביים ראַש געמינערטן און שטייגענדיקן בראַנד,
דעם קאָפּ געניקט...
מיט וויסטע וועגן
קומט אָן צו לויפן צו גלגלתא,
פון הערע׳ס איפּערזוכט פאַרשאָלטן
די קליידער אויף איהר לייב צופליקט,
יאָ.
צו איהר אַנטקעגן,
פון ליידן טראַגישע פאַרשטומט
די וויסטע מוטער מרים קומט.)

יאָ

איך לויף, איך לויף, אָהן אויפהער, אָהן אַ תקומה,
פון אַרגוס טויזנד־אויגיקן געיאָגט.
אָ, ווען שוין, ווען מיין טאָג פון רוה וועט קומען,
און זעאוס זאָגן וועט: גענוג געפּלאָגט!

מרים

אָ, שוועסטער, שוועסטער, איך האָב אויך קיין תקומה,
אין וועג פון דער אונענדליכקייט איך געה.
אַ ים פון מענשן־ליידן איז פאַרביי געשוואומען,
דאָך נישט צושמאָלצן איז אין איהם מיין וועה.

יאָ

אָ, שוועסטער. כ׳האָב אין יונגפרוילינער קדושה
דערפילט אין טרוים די ליבשאַפט פון אַ גאָט.
געקומען מיר אַנקעגען איז מיין בושה,
מיט שטיינער האָט מען מיך פאַריאָגט פון שטאָט.

מרים

און איך האָב פאַר דער וועלט אַ זוהן געבאָרן,
ווען גאָט אין טרוים האָט אָנגעריהרט מיין טראַכט.
פון יענעם טאָג איך טראָג דעם וויכטן דאָרן,
פון איהם די וועלט האָט אונז אַ קרוין געמאַכט.

יאָ

ווי שרעקליך, שוועסטער, איז אַ גאָט צו ליבן!

מרים

ווי שרעקליך איז פון גאָט אַ מוטער זיין!

יאָ

פון מענשן־ישוב האָט מען מיך פאַרטריבן.

מרים

פון מעענשן־קינדער טראָג איך שאַנד און פיין.

יאָ

איך וואַנדער אום אָהן אויפהער, אָהן אַ תקומה,
פון אַרגוס, טויזנט־אויגיקן געיאָגט.

מרים

איך וואַנדער אויך. און אייביק מוז איך קומען
צום באַרג, וואו ס'האָט אַ וועלט מיין זוהן געפּלאגט.

יאָ

מיר וועלן וואַנדערן צוזאַמען, שוועסטער,
איך האָב דאָ נאָהנט געזעהן אַ שוואַרצן האַר;

פּאַריתומט, עלענט, שטילע פּוס-טריט מעסט ער,
זיין פּנים אַלט און איינגעהילט אין צער.
ווי שלעכט מיר איז, דאָך ווער איך מילד און מונטער
און זאָג איהם:—זיי געטרייסט! עס לעבט אַ גאָט!
דעם קאָפּ דאַן בויגט ער נידעריק אַרונטער
און כ'זעה זיין ליפּן-קנייט[illegible] פול גאַל און שפּאָט.
אָ, שרעקליך, שוועסטער, ז[illegible] פון גאָט צו ליידן,
דאָך שרעקליכער איז אָהן [illegible] גאָט צו זיין!

מרים

און מיך, ווי שטענדיק, וויל אויך היינט נישט מיידן
אין שווערן וועג די מוטערליכע פּיין.
איך האָב געהערט דעם וייטן שאַל פון שופר,
איך האָב צו מערב געהן געזעהן אַ ריז.
און ס'קלאַפּט מיין האַרץ אין מוטערליכן אייפער:
פון וואַנען קומט ער אָן? און ווער ער איז?
די וועלט איז קאַרג אין געטליכע געשטאַלטן,
אַזאַ, ווי זיינס האָב איך נאָך נישט געזעהן
די קראַפט און גדולה טהוט אָן איהם זיך האַלטן.

יאָ

די נאַכט וועט אויף דער וועלט אַ נס געשעהן.

מרים

נישט פאַ[illegible]ש די נאַכט, דו, פרוי פון גאָט ערוועהלטע!

יאָ

איך שפּיר די גאַנצע וועלט אין קימפּעט לייד.
דער נס וואַרט אָפּ רגעים נאָר געצעהלטע.
דו שפּירסט דאָס אויך. איך זעה נאָך דיינע רייד!

אָ, שוועסטער, לאָמיר זיך אין איינעם האַלטן,
דעם גורלס וועגן קיינער נישט פאַרמיידט.

מרים

פון נייעם גאָט ווער קאָן זיך אויסבעהאַלטען?
ס'איז רייף די שעה! געקומען איז די צייט!

אפריל—מאי 1920